**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/12/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט אנהויב פון טעכנאלאגישע 'מייקראָ-טאנעלינג' פאר ניובורג אפלויף וואסער פראיעקט

***ערשטע ריינע וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקט צו פינאנצירט ווערן דורך דעם פעדעראלן אומפארטייאישען אינפראסטרוקטור געזעץ אין ניו יארק סטעיט***

***27 מיליאן דאלאר אין סך הכל פון סטעיט און פעדעראלע אינוועסטירונגען וועלן פארבעסערן וואסער קוואליטעט און באפעסטיגונג קעגן שטורעמס דורכן פארבעסערן אפלויף וואסער אינפראסטרוקטור***

***מייקראָו-טאנעלינג פאר אונטערערדישע אפלויף וואסער רערן וועט רעדוצירן פאטענציאלע אפשטעלונגען פאר קאמיוניטי איינוואוינער און פארשנעלערן קאנסטרוקציע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די אנהויב פון פארגעשריטענע טעכנאלאגישע 'מייקראָו-טאנעלינג' אין ניובורג סיטי אלץ טייל פון אנגייענדע אפלויף און שטורעם וואסער אפלויף אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען וועלכע זענען קריטיש צו באשיצן די קוואליטעט פון די וואסער אין די האדסאן ריווער און צו פארשטערקערן די באפעסטיגונג קעגן שטורעמס. דער אנגייענדער אפלויף וואסער פראיעקט איז דער ערשטער ריינע וואסער אינפראסטרוקטור קאנסטרוקציע פראיעקט אין ניו יארק סטעיט צו טיילווייז פינאנצירט ווערן דורך דעם פעדעראלן אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור געזעץ. דער פראיעקט האט באקומען מער פון 6.1 מיליאן דאלאר אין געלטער פון דעם פעדעראלן אינפראסטרוקטור געזעץ אין נאוועמבער.ניו יארק סטעיט טוט אויך ביישטייערן מער פון 21 מיליאן דאלאר אין סטעיט גרענטס און אין אינטערעסט-פרייע הלוואות צו שטיצן די שטאט'ס קאנסטרוקציע פון נייע, גרעסערע אפלויף וואסער רערן און אנדערע קריטישע פארבעסערונגען צו די שטאט'ס מעגליכקייט צו קענען אויסשטיין הויכע וואסערן און רעדוצירן פארפעסטיגונג אין די האדסאן ריווער.

"צוזאמען מיט אונזער סטעיט'ס באדייטנדע ריינע וואסער אינוועסטירונגען, ברענגען די פרעצעדענטלאזע געלטער פון דעם אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור געזעץ א קריטישע געלעגנהייט צו מאכן באדייטנדע ענווייראמענטאלע פארבעסערונגען וועלכע וועלן באשיצן די פובליק געזונטהייט אריבער די סטעיט פאר פילע צוקונפטיגע דורות", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די אפלויף און שטורעם וואסער אפלויף סיסטעמען פארבעסערונגען זענען קריטיש צו באשיצן די ענווייראמענט און צו פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן אין ניובורג, און מיין אדמיניסטראציע וועט פארזעצן צו ארבעטן שווער צו ארייננברענגען געלטער גלאטערהייט און אויף א יושר'דיגן פארנעם צו העלפן קאמיוניטיס ארייננראבן די שאוולען אין די ערד פאר קריטישע פראיעקטן."

'מייקראָו-טאנעלינג' איז א טייל פון די אנגייענדע קאנסטרוקציע צו דורכפירן ניובורג'ס לאנג-טערמיניגע קאנטראל פלאן בשותפות מיט די ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג

(Department of Environmental Conservation, DEC) צו פארבעסערן די שטאט'ס אפלויף און שטורעם וואסער אפלויף סיסטעם. מייקראָו-טאַנעלינג איז א קאנסטרוקציע מיטל וואס ווערט אפערירט פונדערווייטנס און ערלויבט צו אויסגראבן א לאך און לייגן די רערן אין די זעלבע צייט. א ספעציעל-דעזיינטע דריל מאשין וואס איז דעליווערט געווארן צו די שטאט די וואך וועט דורכלעכערן די טונעל אריבער שטיינער.

מייקראָו-טאַנעלינג ערלויבט צו אויסלייגן די אפלויף וואסער רערן אויף א פונקטליכן פארנעם אויף לאנגע שטרעקעס, פארמיידנדיג די שטער אויף די גאסער און פאר די איינוואוינער וואס קומען אלץ רעזולטאט פון טיפע אונטערערדישע גראבערייען.

דער 'צפון אינטערסעפּטער פארבעסערונג' (North Interceptor Improvement) פראיעקט רעכנט אריין אינסטאלאציע פון אומגעפער 8,700 פיס פון נייע גרעסערע גרעוויטי אפלויף וואסער רערן צו פארגרעסערן די סיסטעם'ס קאפאציטעט און רעדוצירן פארפעסטיגנדע כעמיקאלן וואס פליסן אריין אין די האדסאן ריווער. דאס וועט דערגרייכט ווערן דורכן אוועקדרייען מער פלוסן צו די שטאט'ס רייניגונג פלענט דורכאויס נאסע וועטער איבערפלוסן. מייקראָו-טאַנעלינג וועט גענוצט ווערן פאר א 2,000-פיס-לאנגע חלק פון די נייע רערן.

דורך דעם אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור געזעץ (Bipartisan Infrastructure Law, BIL) און דורך די DEC און די ניו יארק סטעיט ענווייראמענטאלע איינריכטונגען קערפערשאפט ( Environmental Facilities Corporation, EFC) זענען 27 מיליאן דאלאר צוגעזאגט געווארן פאר די שטאפל פון דעם פראיעקט אין פארעם פון גרענטס און אינטערעסט-פרייע הלוואות, אריינרעכענענדיג:

- 10 מיליאן דאלאר גרענט פון דעם וואסער קוואליטעט פארבעסערונג ( Water Quality Improvement) פראגראם
- 5.57 מיליאן דאלאר גרענט פון דעם וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונג גרענט פראגראם
- 5.57 מיליאן דאלאר גרענט פון די ריינע וואסער סטעיט ריוואַלווינג פאָנד ( Clean Water State Revolving Fund)
- 3.55 מיליאן דאלאר גרענט און 2.56 מיליאן דאלאר אין קורץ-טערמיניגע אינטערעסט-פרייע הלוואה פון BIL אלגעמיינע צוגאבליכע געלטער. געלטער פון דעם BIL פאר וואסער און אפלויף וואסער אינפראסטרוקטור ווערט פארטיילט דורך די EFC אין די פארעם פון סטעיט ריוואַלווינג פאָנד פראגראמען.

**ניו יארק סטעיט ענווייראמענטאלע איינריכטונגען קערפערשאפט פרעזידענט און CEO, מאורין א. קאולמען, האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט און די EFC זענען שטאלץ צו אריינגיין אין א שותפות מיט ניובורג סיטי צו מאכן פארשריט אויף דעם וויכטיגן פראיעקט וואס וועט בענעפיטירן אונזער ענווייראמענט און לאקאלע קאמיוניטיס. די EFC איז איבערגעגעבן צו צושטעלן פאר קאמיוניטיס די פינאנציעלע מיטלען און טעכנישע הילף וואס פעהלן אויס צו קענען ברענגען די קריטישע ריינע וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן אונטערוועגנס. מיט גאווערנער האקול'ס אנגייענדע פירערשאפט אויף ענווייראמענטאלע אינפראסטרוקטור און פרעצעדענטלאזע פינאנצירונג פון קאנגרעס און דיביידן אדמיניסטראציע, קוקט די EFC ארויס צו אפילו מער ענווייראמענטאלע אינפראסטרוקטור ערפאלגרייכע געשיכטעס אין 2023."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג קאמישאנער און ענווייראמענטאלע איינריכטונגען קערפערשאפט באורד טשערמאן, בעזיל סעגאָוס, האט געזאגט,** "באשיצן וואסער קוואליטעט איז צווישן גאווערנער האקול'ס הויפט פריאריטעטן, און עס איז באגייסטערנד צו זעהן די

אנהויב פון די שטאפל פון א פראיעקט וואס וועט העלפן אויסרייניגן די האדסאן ריווער און פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן אין די קאמיוניטיס לענגאויס אירע ברעגעס. די DEC וועט פארזעצן צו ארבעטן בשותפות מיט די ענווייראמענטאלע איינריכטונגען קערפערשאפט און מיט די EPA, און זי וועט ארבעטן מיט ניובורג סיטי צו מאכן פארשריט אויף דעם פלוס רערן פראיעקט און ווייטער פארבעסערן די ראיאן'ס וואסער קוואליטעט."

**צייטווייליגער ניו יארק סטעיט העלט דעפּארטמענט קאמישאנער, דר. דזשעימס מעקדאַנעלד, האט געזאגט,** "אריבער די גאנצע סטעיט זענען היסטארישע אינוועסטירונגען אין טרונקען און אפלויף וואסער אינפראסטרוקטור ווי די — אינוועסטירונגען אין די געזונטהייט פון אלע ניו יארקער. דער טעכנאלאגישע ריינע וואסער פראיעקט וועט העלפן ניובורג פארשטערקערן אירע שטורעם און אפלויף וואסער אינפראסטרוקטור סיסטעמען פאר פילע צוקונפטיגע דורות. איך באדאנק גאווערנער האקול פאר איר אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו באשיצן די באלדיגע און לאנג-טערמיניגע געזונטהייט פון אונזערע קאמיוניטיס."

**ליסע פ. גאַרסיע, פאראייניגטע שטאטן ענווייראמענטאלע באשיצונג אגענטור ( Environmental Protection Agency, EPA) ראיאנישע אדמיניסטראטארין, האט געזאגט,** "די געלטער דורך פרעזידענט ביידן'ס אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור געזעץ האט א פאזיטיווע השפעה אויף קאמיוניטיס ארום ניו יארק און ארום די גאנצע לאנד. די געלטער פונעם BIL, צוזאמען מיט די סטעיט'ס אייגענע אינוועסטירונג, וועלן ערלויבן ניובורג זיך צו אפגעבן מיט די נישט-געריייניגטע אפלויף וואסער וואס פליסט אריין אין די האדסאן ריווער יעדע מאל עס רעגנט."

**סעקרעטערי אָוו סטעיט ראבערט דזש. ראדריגעז האט געזאגט,** "ניו יארק'ס אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו ריינע, לעבעדיגע און געזונטע קאמיוניטיס ווערט יעצט נאכאמאל ארויסגעוויזן מיט גאווערנער האקול'ס מוסטערהאפטיגע אינוועסטירונגען אין ענווייראמענט-פריינטליכע און באפעסטיגטע וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן. די גאר-נויטיגע אינוועסטירונגען זענען קריטיש צו שטיצן לאקאלע רעגירונגען און צו צושטעלן די יסודות פאר קאמיוניטיס צו קענען פארבעסערן פובליק געזונטהייט, פארשטערקערן ענווייראנמענטאלע באשיצונג און עררייכן עקאנאמישע שטאנדהאפטיגקייט."

**סענאט מאיאריטעט פירער טשארלס שומער האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ צו אהערשטעלן די היסטארישע 27 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג צו פארבעסערן ניובורג סיטי'ס ריינע וואסער אינפראסטרוקטור דורך דעם פעדעראלן אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור און דזשאבס געזעץ, פאר וועלכע איך בין געשטאנען אין שפיץ פונעם קאמף אין די סענאט. פאר יארן ארבעט איך שוין מיט ניובורג סיטי, מיט Riverkeeper, מיט דעם ניובורג ריינע וואסער פראיעקט און מיט לאקאלע שתדלנים צו פארבעסערן ניובורג'ס וואסער אינפראסטרוקטור מיט די ציהל צו מאכן אונזערע באליבטע ניובורג געגנטער געזונטערע און זיכערערע פלעצער צו וואוינען און ארבעטן. לעצטע יאר בין איך שטאלץ געווען צו פארזיכערן 12.8 מיליאן דאלאר פאר ניובורג'ס צפון אינטערסעפּטער אפלויף וואסער פראיעקט דורך די יערליכע פעדעראלע בודזשעט כדי ניובורג זאל קענען אנהויבן די וויכטיגע ארבעט. איך באדאנק די ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג און די ענווייראמענטאלע איינריכטונגען קערפערשאפט פארן ווייזן די וועג פאר ניו יארק סטעיט'ס סאמע ערשטע ריינע וואסער אינפראסטרוקטור קאנסטרוקציע פינאנצירונג פון דעם אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור און דזשאבס געזעץ צו ארויפבויען אויף די קריטישע ארבעט, און איך וועל פארזעצן צו קעמפן אויף זייער זייט צו אהערשטעלן די געלטער פאר אונזערע האדסאן וואלי קאמיוניטיס."

**סענאטארשע קירסטען דזשיליבראנד האט געזאגט,** "די געלטער וועלן העלפן מאדערניזירן ניובורג'ס פאראלטערטע וואסער אינפראסטרוקטור, פארשטערקערן באפעסטיגונג קעגן שטורעמס און רעדוצירן פארפעסטיגונג אין די האדסאן ריווער. איך בין שטאלץ צו האבן געקעמפט צו אריבערפירן דעם

אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור געזעץ צו צושטעלן פינאנצירונג פאר גענויג די סארט פראיעקטן אריבער ניו יארק סטעיט, און איך וועל פארזעצן צו ארבעטן צו פארזיכערן פעדעראלע מיטלען צו אויפלעבן אונזערע קאמיוניטיס."

**קאנגרעסמאן פעט רייען האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ צו אנאנסירן די אנהויב פון דעם קריטישן פראיעקט וואס וועט ערלויבן צו ברענגען ריזיגע פארבעסערונגען צו ניובורג סיטי'ס וואסער אינפראסטרוקטור. עס קומט זיך פאר יעדער ניו יארקער צו האבן צוטריט צו ריינע וואסער, און איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט שותפים אין סטעיט, לאקאלע און פעדעראלע רעגירונגען דאס צו מאכן פאר א מציאות."

**ניובורג סיטי מעיאר טארענס האַרווי האט געזאגט,** "עס קומט זיך פאר די איינוואוינער און ביזנעסער פון ניובורג צו האבן צוטריט צו ריינע, געזונטע וואסער, און איך לויב אויס גאווערנער האקול, די NYS רעגירונג מאנשפאטן און אונזערע קאנגרעסיאנאלע שותפים פארן אהערשטעלן די פינאנציעלע מיטלען צו העלפן ערמעגליכן דעם וויכטיגן פראיעקט. עס וועט פשוט און גראד העלפן פארזיכערן אז דורות פון ניובורג איינוואוינער וועלן אויפוואקסן אין א ריינערע, געזונטערע קאמיוניטי. אזוי קוקט עס אויס ווען די רעגירונג ארבעט צוזאמען פאר די גוטס פון די מענטשן, און מיר זענען באגייסטערט זיך צו רוקן פאראויס צוזאמען אויף דעם פראיעקט."

ניו יארק זעצט פאר צו פארמערן אירע אינוועסטירונגען אין ריינע וואסער אינפראסטרוקטור. בלויז לעצטנס, אין די 2023 'סטעיט אָוו די סטעיט' אגענדע, האט גאווערנער האקול פארשפראכן צו אינוועסטירן 500 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פאר ריינע וואסער אין איר בעפארשטייענדע בודזשעט, ברענגענדיג ניו יארק'ס סך הכל אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג סומע צו 5 ביליאן דאלאר. כדי צו אויסנוצן די אינוועסטירונגען און פארזיכערן אנגייענדע גלאטע צוזאמענארבעט מיט לאקאלע אינסטאנצן, וועלן ספעציעלע קאמיוניטי הילף מאנשאפטן אקטיווערהייט ארבעטן מיט קליינע, דארפישע און שוואכערע קאמיוניטיס, זיי צו העלפן באקומען פינאנציעלע הילף זיך אפצוגעבן מיט זייערע ריינע וואסער אינפראסטרוקטור באדערפענישן.

חוץ פון דעם, מיט די באשטעטיגונג פון וויילער פון דעם 4.2 ביליאן דאלארדיגער 'ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דזשאבס ענווייראמענטאלע באַנד געזעץ' ( Clean Water, Clean Air, and Green Jobs Environmental Bond Act) אין נאוועמבער, קומט צו נאך היסטארישע סומעס פון פינאנצירונג צו פארבעסערן אלטע וואסער אינפראסטרוקטור און באשיצן וואסער קוואליטעט; פארשטערקערן מעגליכקייטן פון קאמיוניטיס צו אויסשטיין שווערע שטורעמעס און פארפלייצונגען; רעדוצירן לופט פארפעסטונג און נידערן קלימאט-טוישנדע עמיסיעס; היטן אויף דרויסנדיגע שטחים און לאקאלע פארמס; און פארזיכערן יושר און גלייכקייט דורכן אינוועסטירן צום וויניגסטנס 35 פראצענט – מיט א ציהל פון 40 פראצענט – פון הילפס-מיטלען אין שוואכערע קאמיוניטיס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418